# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת כי תצא תשפ"ד שנה י | גליון מס' 550

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג
ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

# פניני אמונים

## פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די מאה ברכות פאר א בעל תשובה

**"וְעָנְשׁוּ אֹתוֹ מֵאָה כֶסֶף וְנָתְנוּ לַאֲבִי הַנַּעֲרָה כִּי הוֹצִיא שֵׁם רָע עַל בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל" (כב יט)**

דער 'אור החיים' הקדוש דרשנ'ט דער פסוק אז עס גייט ארויף אויף ביטול תורה. ער איז מקדים מיט די בחינה אז די תורה איז די בחינה פון מאורסת פאר'ן כלל ישראל (פסחים מט ב) - און די טענה פון כלל ישראל איז אז די תורה איז נישט משפיע גענוג פרנסה פאר די וואס זענען עוסק אין איר און מען איז מוציא שם רע אויף די תורה אז זי איז נישט משפיע גענוג תורה פאר'ן כלל ישראל. ווען דער איד טוט תשובה אויף דעם איז די עצה: "וְעָנְשׁוּ אֹתוֹ מֵאָה כֶסֶף" - ער זאל מער מקפיד זיין אויף די מאה ברכות. דער 'אור החיים' ווייזט אויף אז א בעל תשובה זאל מער מקפיד זיין צו מאכן טעגליך די מאה ברכות, ווייל חז"ל האבן מסמיך געווען (מנחות מג ב) די חיוב פון מאה ברכות אויפ'ן פסוק (דברים י יב): "ועתה ישראל מ[א]ה ה' אלקיך שאל מעמך" און אין דער פסוק איז דא א ספעציעלע ווענדונג צו א בעל תשובה ווי חז"ל דרש'נען (בראשית רבה כא ו): "אין 'ועתה' אלא לשון תשובה".

ווען מען לערנט די ווערטער בלייבט מען מיט א קשיא איבער'ן אויסדרוק פון דער פסוק, מען פארשטייט נישט פארוואס דער פסוק רופט אן די קפידא אויף די מאה ברכות מיט א לשון פון עונש אז ער שרייבט אויף איר - "וענשו אתו מאה כסף"?

געט דער טשעבינער ראש הישיבה **רבי ברוך שמעון שניאורסון**, צו פארשטיין:

ווען דער בעל תשובה הייבט אן מקיים זיין וואס מען האט אים באפוילן און ער איז מקיים כראוי די מאה ברכות הייבט ער אן צו באקומען חרטה געפילן פארוואס ער האט ממאס געווען בתורה און די יסורים וואס ער גייט אריבער איז זיין עונש.

'ברכת שמעון'

### א ברכה אויף די מצוה פון זכירת מעשה עמלק

**"זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם" (כה יז)**

אין דער פסוק געט די תוה"ק די חיוב אז מען זאל געדענקען די מלחמה פון עמלק אויף אלע דורות. לכאורה איז שווער פארוואס האט מען נישט מייסד געווען צו מאכן א ברכה איידער מען איז מקיים די מצוה - מען וואלט געדארפט מאכן די ברכה פון: "אשר קדשנו במצוותיו וצונו על זכירת מעשה עמלק", אזוי ווי מען מאכט אויף אלע אנדערע ברכות?

די אחרונים זענען עס מסביר אויף עטליכע אופנים:

פון די כללי הברכה וואס רבי יוסף אבן פלאט שטעלט אראפ איז אז מען מאכט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס האט אין זיך פורענות פאר'ן מענטש. א ביישפיל דערצו איז אז ווען א איד איז נתחייב געווארן בהריגה ביי איינס פון די מיתת בית דין מאכט נישט קיין ברכה אויף די הריגה, טראץ וואס ביים הריגה איז מען מקיים א מצוה פון די תורה. דער געדאנק זעט מען אויך אין די גמרא מגילה (י ב) אז ווען די מלאכי השרת האבן געבעטן אז זיי ווילן זאגן שירה ביי קריעת ים סוף האט הקדוש ברוך הוא זיי אפגעשטעלט זאגנדיג: "מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?" (ראה אבודרהם, שער ג - ברכת המצוות). מיט דעם געדאנק געט דער **ראשון לציון רבי ישראל יעקב אלגאזי** צו פארשטיין פארוואס ביי זכירת מעשה עמלק מאכט מען נישט קיין ברכה, ווייל עס איז א מצוה וואס האט אין זיך פורענות, אפילו מען רעדט דא פון די אומה העמלקית.

אויף אן אנדערע בחינה געט **רבי רחמים נסים יצחק פלאג"י ראב"ד איזמיר** צו פארשטיין דער דערהער. ער זאגט עס מיט אן אנדערע דערהער ביי די כללי הברכה פון רבי יוסי אבן פלאט. דארט זאגט ער אז מען מאכט נישט קיין ברכה אויף א מצוה וואס איז נולד געווארן כתוצאה פון אן עבירה, גענוי ווי מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון השבת הגזל טראץ וואס עס איז א מצוה ווי אלע מצות. מיט דעם געדאנק פארשטייט מען אויך פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון מחיית עמלק, ווייל אויך די מצוה איז אנגעקומען צו כלל ישראל דורך א חטא, ווי עס איז מבואר אין די מפרשים (תנחומא יתרו ג) אז נאר ווייל אידן האבן זיך מתרשל געווען אין די תורה האט עמלק געהאט א כח צוקומען צו זיי.

נאך א מהלך זאגט דער פאקשער רב **רבי אליעזר זוסמן סופר**: אז אויב די חכמים וואלטן מתקן געווען א ברכה אויף די מעשה פון זכירת מעשה עמלק וואלט אויסגעקומען אז ווען מען וועט דערמאנען די "מעשה עמלק" האט שוין דער איד יוצא געווען די חובת המצוה, ווייל ער האט שוין דערמאנט דערביי די מעשה העמלק. מיר ווייסן דאך אז א ברכה דארף מען מאכן (פסחים ז ב) עובר לעשייתן - פאר מען איז מקיים די מצוה - וועגן דעם האבן חז"ל מתקן געווען אז מען זאל נישט מאכן קיין ברכה פאר די מצוה פון מחיית עמלק.

נאך א דערהער ברענגען אראפ די אחרונים און בויען זיך אויף א יסוד וועלכער ווערט אויסגעשמועסט אין די השגות פון די תשובת ר"י בן פלט. דארטן שרייבט דער ראב"ד (ווערט געברענגט אין אבודרהם ) נאך א כלל אין די ברכת המצוות: יעדע מצוה וואס דער חיוב עס מקיים צו זיין נעמט זיך פון א חסרון וואס איז דא ביי א צווייטער מאכט מען נישט אויף איר קיין ברכה. מהאי טעמא מאכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון צדקה, ווייל דער וואס מאכט די ברכה איז מודה לה' אויף די חסרון וואס ער האט אין די זאך.

מיט דער געדאנק זאגט דער '**חתן סופר**' אז מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון מחיית עמלק, ווייל די גאנצע מצוה איז נאר דא מחמת חסרון, ווייל דער מענטש האט א נאטור אז ער פארגעסט און ווייל די מצוה איז כתוצאה פון שכחה און ווי נענטער מען איז צו די קדושה אלץ וויניגער פארגעסט מען, מאכט מען נישט קיין ברכה אויף איר.

'נאות יעקב' דרוש לפרשת זכור; 'יפה ללב' או"ח ח"ג תרפ"ה ג; 'פינות הבית' [לרצ"ה מיכלזון מפלונסק] עמ' קנב; שו"ת 'חתן סופר' סי' עט

אין אונזער גליון רעדן מיר בעיקר פון זאגן 'אמן' אויף די ברכת השחר אדער די ברכת הנהנין. מיר באטאנען אז די ברכה ווערט נאר מקויים אז מען ענטפערט נאך איר 'אמן'.

אבער עס איז וויכטיג אנצומערקן אז נישט נאר ביי אן אמן וואס מען זאגט נאך א ברכה ביים דאווענען ווערט מקויים מיט'ן זאגן אמן, אויך ווען איין איד ווינטש פאר א צווייטן איד א ברכה, ווערט די ברכה נאר מקויים אז מען זאגט נאך איר אמן, ווייל דער אמן איז מקיים די ברכה.

אסאך מאל טרעפט זיך אז איין איד ווינטש אן דעם צווייטן א ברכה וואס בדרך הטבע זעט עס נישט אויס עפעס וואס קען מקויים ווערן. דער געבענטש'טער איד קלערט אפילו נישט פון זאגן אמן, ווייל עס זעט אים אויס אן אוממעגליכע זאך, אבער דער אמת איז אז אויך נאך אזא ברכה דארף מען זאגן אמן.

עס איז באקאנט די ווערטער פון דער הייליגער רמב"ן אויף די נושא אין [בראשית יח טו] אז די טענה פון הקב"ה צו אברהם למה זה צחקה שרה... איז געווען אז זי האט געדארפט ענטפערן אמן נאך די ברכה, אפילו אויף א זאך וואס זעט נישט אויס מעגליך.

די שטיקל תורה איז א לימוד פאר אונז אז אויך ווען א זאך זעט אויס אוממעגליך זאל מען זיך נישט צוריקהאלטן פון זאגן אמן, ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן וועלכע ברכה וועט מקויים ווערן און וועלכע נישט.

די פאלגענדע מעשה איז א לימוד אויף אזא פאל, ווען א איד האט באדויערט אן אומגענטפערטער אמן גלייבנדיג אז דאס וואלט אים געקענט פירן צו א לענגערע לעבן.


די הוסיאטנער שול אין תל אביב

•

## — הלוואי וואלט איך ווען יא געענטפערט אמן... —

א גרויסער ירא שמים איז רבי כתריאל געווען. פאר לאנגע יארן האט ער זיך געציילט אויף די חשובע אידן פון די שטאט תל אביב. דארטן אין דעם פרייער שטאט האט ער זיך באזעצט גלייך נאכ'ן ארויפקומען קיין ארץ ישראל און זיך קובע געווען מתפלל צו זיין אין איינס פון די חסידישע שטיבלעך וואס די שטאט האט פארמאגט.

א שטארקער מדקדק בהלכה איז רבי כתריאל געווען אבער א באזונדערע חשיבות האט געהאט ביי אים דער 'אמן'. ווען ער האט געקענט און געהאט די געלעגענהייט האט ער נאכגעזאגט אמנ'ס נאך יעדע ברכה.

נישט נאר נאך די ברכת הנהנין און די ברכת השחר האט ער געענטפערט אמן בדחילו ורחימו, נאר אויך אויף ברכות וואס אנדערע אידן האבן אים געווינטשן האט ער געענטפערט אמן נאך זיי.

זכה רבי כתריאל האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שיינער דור, עס איז געבוירן געווארן צו אים קינדער און קינדס קינדער.

אין די אכציגער יארן האט ער זוכה געווען אז עס איז געבוירן געווארן ביי אים די ערשטע אור אייניקל.

זייענדיג א קריג איבערלעבער איז ער געווען אויסערזיך פון התרגשות, מיט א פאטאס האט ער אויסגעשריגן 'הודו לה' כי טוב, מה אני ומה חיי', אז ער האט זוכה געווען אז נאכ'ן אריבערגיין אזא ביטערע קריג, האט ער אויפגעשטעלט אזא ערליכע דור.

מיט גרויס שמחה איז יענער שבת קודש געפראוועט געווארן די קידוש. פון די שטוב וואו רבי כתריאל וואוינט ביז צו די שול וואו די קידוש איז פארגעקומען איז א שטיקל מהלך צוגיין אבער רבי כתריאל האט ניטאמאל געהאט א הוא אמינא צו פארציכטן אויפ'ן קידוש, מיט די גרעסטע מאס התרגשות האט ער זיך געגרייט מיטצוהאלטן די קידושא רבה.

ווי דער שטייגער ביי די קידושים איז אייביג האט דער עולם אים ווארעם אנגעווינטשן און באגאסן מיט ברכות אז ער זאל אויסלעבן די יארן געזונטערהייט און שעפן פולע הויפענעס פון נחת פון דעם אייניקל און אלע אנדערע אייניקלעך.

אויף יעדע פון די ברכות האט ער געענטפערט מיט א ברען אמן.

ביים ענדע פון די קידוש איז אן עלטערער איד צוגעקומען צו אים, מיט א פרישקייט האט ער זיך דערנענטערט צו אים און נאכ'ן ווינטשן מזל טוב האט ער זיך אנגערופן פאר רבי כתריאל אז פאר אים האט ער אן עקסטערע ברכה, ער וויל אים ווינטשן אז ער זאל זוכה זיין צו זען נחת פון די אייניקל און דערלעבן איר צו פירן אונטער די חופה געזונטערהייט.

נאכ'ן הערן אזויפיל ברכות אין איין טאג האט רבי כתריאל אוועקגעמאכט די ברכה זאגנדיג אז דאס איז שוין בגדר פון א ברכת שווא.

דער ווינטשער האט זיך נישט געלאזט, הערנדיג ווי ער מאכט עס אוועק, האט ער איבערגעזאגט די ברכה נאך אמאל, אבער אויך יעצט האט ער עס אוועקגעמאכט.

שוין דאן האט רבי כתריאל געליטן פון עטליכע שוואכקייטן און הערנדיג די אומרעלאסטישע ברכה האט ער עס אוועקגעמאכט.

אביסל צייט איז אריבער, די געטומעל פון דער קידוש האט נאכגעלאזט, רבי כתריאל האט זיך געגרייט צו די שבת סעודה ווען די געשעעניש איז ארויפגעקומען ביי אים אין קאפ, מיטאמאל האט ער זיך דערמאנט אין איר און אנגעהויבן באדויערן יענע מאמענט.

פארוואס האט ער נישט געענטפערט אמן? עס האט אים געעגבערט.

עס האט אים וויי געטון אבער עס איז שוין געווען צושפעט צוריקצודרייען דעם זייגער, וואס איז געווען איז שוין געווען.

די יארן זענען געלאפן. רבי כתריאל האט זיך געלטערט אין פריידן, ער האט עספיעט ארייננצוכאפן אסאך שמחה'ס און בלייבן ביים קלארן זינען און זיך משתתף זיין ביי אסאך שמחה'ס, אבער מיט די יארן איז ער געווארן שוואכער און שוואכער.

עס איז שוין געווען אויף די עלטער, ער האט געשפירט ווי די כוחות לאזן זיך אויס, ער האט געבעטן פון די ארומיגע אז מען זאל לאזן רופן זיינע אייניקלעך, ווייל ער וויל זיך געזעגענען מיט זיי.

פון איבעראל איז מען געקומען צוגיין. אויך דער טאטע פון דעם געבוירענער טאכטער איז געקומען צוגיין. שטייענדיג דארט נעבן אים האט דער זיידע זיך מיטאמאל געוואנדן צום אייניקל, ער האט געוואלט וויסן ווי אלט זיין טאכטער איז היינט צוטאגס.

"זעכצן יאר אלט". האט ער זיך אנגערופן צו איר.

"אוי אשאד". האט רבי כתריאל געקרעכצעטעט.

"מיין ידיד האט מיר געווינטשן אז איך זאל זוכה זיין צו זיין ביי מיר חתונה, מיין הארץ זאגט מיר, אז ווען איך וואלט ווען געענטפערט אמן נאך יענע ברכה, וואלט איך עס נאך דערלעבט.

א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך געשיידט פון די וועלט, אבער דער מעסעדזש איז אריבער צו די משפחה, די כח פון אן אמן, אז אויך ווען א זאך זעט אויס אוממעגליך זאל מען נישט אויפגעבן אויף אן אמן - ווייל אן אמן האט אין זיך א כח צו טוישן די טבע און עס איבערדרייען צו העכער פון די דרך הטבע.

## שמועסן און געדאנקען מיט אידן וואס זענען א טייל פון 'אנשי אמונים'

הרב יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א
בית הכנסת בריזדוביץ ברוקלין נ.י.

אונזער היינטיגער שמועס איז ספעציעלער און אייגנארטיגער פון אייביג, היינט וועלן מיר אפהאלטן א שמועס מיט דער מייסד און נשיא פון די 'בני אמונים' ארגינאזאציע, דער אלעמען באקאנטער פיגור, הרב ר' יעקב דוב מארמערשטיין שליט"א.

רבי יעקב דוב שליט"א אויסער וואס ער איז דער גרינדער און אנפירער פון דער אוועלטליכער רעוואולאציע פון 'בני אמונים' איבער די וועלט דינט ער אויך פערזענליך אלץ אן 'אמן גבאי' אין די ברידזוויציער שול אין ניו יארק.

וואך נאך וואך דערקוויקן זיך די טויזנטער ליינער מיט דער הערליכער און באלערנדער מאמר פון רבי יעקב דוד שליט"א. דער מאמר וועלכע איז אלעמאל רייך און בליציג מיט פרישע חידושים און רמזים איז דער מאמר מיט וואס מען עפענט די גליון.

די וואך, לכבוד די יארצייט פון זיין גרויסער פאטער, דער וואס שטייט דערונטער די מהפכה פון 'בני אמונים', כאפן מיר א שמועס מיט אים און הערן פון אים איבער די שליחות געפיל וועלכע באגלייט אים פון יענער טאג, 23 יאר צוריק, י"ג אלול תשס"ג, ווען אלעס האט זיך אנגעהויבן.

•

### מיר זאגן א גוט יאר פאר רבי יעקב דוב און בעטן אים צי ער קען אונז מיטטיילן ווי אזוי זאכן האבן זיך אנגעהויבן?

אז מען דארף צוריקגיין צו דער אנהייב קען מען זאגן מיט א רואיגקייט אז אלעס הארט זיך אנגעהויבן ביי אונז אין שטוב. מיין טאטע זצ"ל איז געווען א איד וואס כל ימיו האט ער געלעבט מיט די געפיל אז ער איז דא אויף די וועלט אויסצופירן א שליחות. ער האט עס געטון מיט מסירות נפש, מיט אן אהבה.

ביי מיין טאטע זצ"ל האב איך אסאך געלערנט. אויסער וואס מען האט געזען ביי אים אן אויסטערלישער אהבה און דביקות בתורה און א ליבשאפט צו א מצוה, האט ער אויך געלעבט מיט א שטארקע און א פעלזנפעסטע אמונה.

דורכאויס זיין לעבן איז ער אריבער אסאך אבער זיין אמונה האט אים געהאלטן שטארק און פריש אויף אייביג.

די געזונטע און גוטע כאראקטערן וועלכע האבן אים כאראקטערזירט האט זיך דערקענט איבעראל אבער ביתר שאת ווען מען האט גערעדט וועגן 'אמן'.

דער 'אמן' פארקערפערט אין זיך סיי אמונה און סיי מסירות נפש, דער אמן איז ראשי תיבות פון די ווערטער 'אני מוסר נפשי'.

אלע זיינע יארן האט דער טאטע זיך געבעטן ביי די קינדער און ביי די אייניקלעך אז מען זאל מאכן נעבן אים ברכות סיי די ברכת הנהנין און סיי ברכת השחר, ער האט זיך געבעטן ביי אונז אז מען זאל מזכה זיין.

די הנהגה האט אנגעהאלטן ביז צום לעצטן טאג פון זיין לעבן און דאס איז מיר זייער שטארק אריין אין די ביינער.

### צי האט דער טאטע זצ"ל אמאל מסביר געווען פון וואו ער נעמט די אויסטערלישע דביקות צו די מצוה פון 'אמן'?

דער אמת איז אז בחיים חיותו האב איך זיך קיינמאל נישט מתעמק געווען אין דעם. עס האט מיר אויסגעזען א נאטורליכער זאך. נאר נאך זיין פטירה האב איך זיך דערוואוסט פון וואו עס קומט צו אים.

עס איז געווען מיט צוואנציג יאר צוריק ווען איך און די משפחה זענען געפארן אויף א רייזע קיין אייראפע. דארט האבן מיר באזוכט די שטעט וואו אונזערע זיידעס האבן געוואוינט. באזוכנדיג אין די שטאט סעק אין רומעניע בין איך געווען ביים קבר פון מיין זיידע. זייענדיג ביי זיין ציון האב זיך מתבונן געווען אין דער נוסח המצבה און באמערקט אז עס שטייט אויפגעשריבן אויף איר אז ער האט געלעבט "צ"א יאר".

עס לאזט זיך זאגן אז יעדער וואס איז געבינדן צו די אמנ'ס און ליינט די גליון וועכענטליך פארשטייט דער קשר פון דער נומער איין און



דער נשיא פון 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמערשטיין ביי זיין עבודת הק' אין די בריזדיוויצער שול אין בארא פארק ניו יארק אויסהערנדיג אמנ'ס פון אידן.

ניינציג צו אמן, ווייל אמן באטרעפט כמנין איין און ניינציג.

שטייענדיג דארט האב איך זיך מתבונן געווען אין דער פאקט אז די יארגאנג שטייט אויפ'ן מצבה. מען טרעפט נישט אזא זאך אז עס זאל שטיין א יארגאנג אויף די מצבה, עס איז זיכער אז עס ליגט דא א טיפערע באדייט, אז דער צ"א איז מרמז אויפ'ן אמן און די אמן איז דאך מאריך שנותיו פון א איד און וועגן דעם האט מען עס אנגעצייכענט אויף די מצבה.

דאס האט מיר געגעבן די קלארקייט פון וואו מיין זיידע האט גענומען די כוחות אפצוהיטן דער אמן. מיין פאטער הרה"ח רבי חיים בן ציון ז"ל האט עס גענומען פון זיין טאטע רבי יעקב דוב, וועלכע איז געווען אזוי נזהר אין ענטפערן אמן.

### אין דעם קומענדיגן מאנטאג פאלט אויס די יארצייט פון אייער טאטע - טיילט אונז מיט איבער דער באדייט פון דעם טאג אין דיינע אויגן?

אין אזא טאג נעם איך די צייט און איך בין זיך מתבונן אין דאס לעבן פון מיין טאטע זצ"ל. איך שטיי ערשטוינט ווי אזוי א איד האט געקענט אניאגן אזויפיל אין זיין לעבן. איך דערמאן זיך אין די ברען וואס ער האט געהאט, די פייער וואס ברענט נאך ביז היינט און עס פלאקערט אין מיר און שלעפט נאך אנדערע.

עס דרייען זיך אויף די וועלט אסאך אידן וואס זענען א טייל פון די מהפכה, עס פאלט זיי נישט איין אין וויסטן חלום ווער איז דער גרינדער און וואס ברענגט זיי דערצו, אבער אין עולם האמת, דארט וואו אלעס איז קלאר - ווייסט מען זייער גוט.

דא קומט אריין דער מאמר חז"ל (דברים רבה ז א): "כל העונה אמן בעולם הזה זוכה לענות אמן בעולם הבא". דער מקפיד זיין צו ענטפערן אמן איז א הנהגה וואס איז גלויה לכל, מען קען דאך נישט ענטפערן קיין אמן ווען מען איז אליין אין א צימער. עס איז א זכות וואס יעדער זעט און מען לערנט זיך אפ פון דעם און אנדערע הייבן אן צו זאגן אמן אדאנק דעם און די זכותים נעמט מען מיט אויף די וועלט און לעולם הבא.

### טאג טעגליך זענען איר מקדיש כמעט גאנצע דריי שעה צו ענטפערן אמן - לאמיר הערן ווי אזוי עס גייט צו?

עס איז נישט אז כ'זיץ אויף איין פלאץ און איך הער דארט אויס די אמנ'ס נאר אויף לויף ארום פון איין איד צו די אנדערע, ווי א גביר לויפט נאך א גוטער דילל.

דער אמן איז מיין ביזנעס. איך האלט אין איין אויפזוכן פרישע קליענטן. די קביעות'דיגע מתפללים קענען מיר שוין אבער עס איז אייביג דא פרישע אידן און צו זיי גיי איך צו אדער אנדערע שיקן צו מיר און ברוך ה' אז מען כאפט אריין נאך און נאך אמנ'ס.

### איר געט אוועק אזויפיל צייט פארדעם און איר שטרענגט זיך אן פארדעם צי איז עס נישט שווער פאר אייך?

"שווער? הרב מארמערשטיין פארשטייט נישט די שאלה.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן ווי גוט עס איז די הרגשה ווען איך פיר עס אויס, יעדע אמן איז ביי מיר ווי נאך א געווינס, יעדע סעקונדע איז א סעקונדע פון ריינע הנאה רוחני, איך שפיר זיך ווי איך בין א דירעקטע צינור פון הקב"ה.

נישט איינמאל געשעט עס ביי מיר אז אויסהערנדיג די ברכות פון א צווייטן איד וועט מיר רינען טרערן פון התרגשות. עס איז אוממעגליך צו שילדערן די געפיל. איינער וואס האט עס נאכנישט מיטגעלעבט פארשטייט עס נישט, אבער עס איז א מורא'דיגע מיטלעבעניש, די זכות אין לתאר ואין לשער.

### צי האט איר עפעס א פראקטישע עצה פאר א איד וואס וויל אנהייבן זאגן 'אמן' פאר די ברכת השחר אבער עס קומט אים אן שווער?

מיין עצה איז "'טעמו וראו כי טוב ה'. דער איד זאל קומען פרי אין שול אריין, כאטשיג צען מינוט פאר'ן דאווענען, ער זאל אויסהערן ווי אזוי אידן מאכן ברכת השחר און צוביסלעך וועט ער אריינקומען אין די ענינים.

דער אנהייב איז אייביג שווער, אבער איינמאל מען קומט צום טעם, קען מען נישט אויפהערן עס צו טון, מען ווערט צוגעקלעבט צו דעם.

אז מען ווייסט אז יעדע אמן איז א קנין מאכט עס גרינגער אז מען זאל עס קונה זיין.

# ”לדוד ודור נודה לך ונספר תהלתך“

**די מנהג פון זאגן יעדן טאג ברכות השחר מיט א חברותא, אז יעדער מתפלל מאכט די ברכה פון ברכות השחר בקול און די ארומיגע ענטפערן 'אמן' נאך איר איז נתייסד געווארן אין די צייט פון דער הייליגער 'בית יוסף' ('שערי תשובה' או"ח ו ה).**

**פון דעמאלטס אן ביז צום היינטיגן טאג איז דער מנהג געהאלטן געווארן הייליג און טייער ביים כלל ישראל.**

**אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר אראפברענגען קורצע אויסצויגן פון צדיקים וואו מען זעט מיט א קלארקייט ווי אזוי זיי האבן געהאלטן די מנהג הייליג און טייער פון די צייטן פון דער בית יוסף ביז צום היינטיגן טאג:**

## דער הייליגער 'בית יוסף'

”עס איז דא וואס פירן זיך אז נאך דעם וואס איינער מאכט די ברכות פון ברכת השחר און מען האט גענטפערט אמן נאך די ברכה, וועט איינער פון די ענטפערער פארזאגן די ברכה און אנדערע וועלן ענטפערן אמן, מיט דער סדר פירן זיך אלע וואס האבן פריער גענטפערט אמן“ ('שלחן ערוך' או"ח ו ד).

## דער אר"י הקדוש

דער 'אור צדיקים' (ו ב) שרייבט אז דער אר"י ז"ל האט זיך געפירט אז ער האט אויסגעהערט די ברכת השחר פון אלע אידן אין שול און גענטפערט נאך זיי אמן. אפילו אויב עס איז געווען הונדערט אידן אין שול, האט ער נאך יעדן איינעם גענטפערט אמן. ('שערי תשובה' שם).

## דער צדיק רבי משה זכות [הרמ"ז]

”אונזער מנהג איז אז די מתפללים מאכן ברכת השחר איינער פאר די אנדערע און דאס איז א מנהג ותיקין פון ארץ ישראל“ (פירוש הרמ"ז על הזהר וילך רפה ב).

## דער הייליגער בעל שם טוב

”יעדער איד, בפרט א איד וואס האט א נפש יקרה, זאל זאגן די ברכת השחר אין שול, מיט דעם איז ער מזכה אלע אידן מיט ענטפערן אמן, אויך דער בעל שם טוב הק' האט זיך אזוי געפירט.“ (הקדמת 'אור עיניים' ח"ב כלל כא).

## דער בעל 'יסוד ושורש העבודה'

”עס איז גוט אז די ברכות השחר זאל מען מסדר זיין אין שול מיט די אנדערע חלקים פון דאווענען, אז אנדערע זאלן ענטפערן נאך איר אמן, ווייל ווי גרויס איז די מעלה פון א ברכה, ווען מען ענטפערט נאך דעם אמן“ ('יסוד ושורש העבודה' שער האשמורת פרק י).

## דער רמ"ע מפאנו

”ווי גוט איז עס אז מען פירט איין אז דער שליח ציבור זאל מאכן די ברכות בקול רם. נישט נאר דאס, נאר אויך די חברים וואס שלאפן אין איין צימער זאלן אויפשטיין אינדערפרי און איינער פאר'ן צווייטן זאל מאכן די ברכות און אנדערע זאלן ענטפערן אמן. די זעלבע זאך זאלן זיך פירן די וואס זענען אין שול, אז מען זאל מאכן ברכות איינער פאר די אנדערע און די ארומיגע זאלן ענטפערן אמן בכנופיא. (שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קט).

## דער בעל 'שפע חיים'

”איך האב דאס שוין געזאגט עטליכע מאל, אז מען זאל מחזיר זיין עטרה ליושנה און איינפירן אין די שולן א סדר התפילה... אז ערשט זאגט דער בעל תפילה די ברכות און נאך דעם זאגט יעדער פאר זיך אליין. א ירא שמים זאל משתדל זיין צו הערן פון נאך אנדערע [ברכות השחר] אז ער זאל קענען ענטפערן נאך איר 'ברוך הוא וברוך שמו' ואמן ('שפע חיים', תורה ומועדים חלק יח עמ' שנה).

## דער בעל 'שבט הלוי'

”דער ספר חסידים זאגט (אות רסא) אז די מצוה איז א פארלאזטע מצוה, עס איז נישט דא ווער זאל עוסק זיין אין איר. אויך מסכת וואס אנדערע זענען נישט געוואוינט צו לערנען איז א בחינה פון א 'מת מצוה' און אין אזא זאך זאל מען זיך מתחזק זיין און זיך אנכאפן דווקא אין די מצוה.

עס איז א פארצייטישער מנהג ישראל אז מען פלעגט זאגן ברכות השחר בציבור. אויך די ברכות פון 'הנותן לשכוי בינה' און ווייטער. דער סדר איז געווען אז דער גאנצער קהל פלעגט מאכן די ברכה צוזאמען. איינער האט געמאכט די ברכה און די אנדערע האבן גענטפערט נאך איר און נאך דעם פלעגט מען זיך טוישן. דער האט געמאכט א ברכה און די אנדערע האבן גענטפערט אויף די ברכה. די מנהג איז היבש פארגעסן געווארן און מיין חשובער ידיד הר"ר יעקב דוב מארמערשטיין הי"ו האט זוכה געווען זיך אנצוכאפן אין דעם עץ החיים פון זיכוי הרבים און צו שטארקן די נושא פון עניית אמן און ער וויל מייסד און מחדש זיין דער אלטער מנהג אין די בחינה פון 'שכחום וחזרו ויסדום'" (ספר 'בני אמונים' עמ' 227, פון זיינע ווערטער ביי א כינוס פאר 'בני אמונים' אלול תש"ע).



**לע"נ הרה"ח רבי חיים בן ציון בן הר"ר אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל וועלכער האט כל ימיו מקפיד געווען צו זאגן ברכות השחר בחברותא**

**דעם קומענדיגן מאנטאג י"ג אלול, דער טאג פון זיין יארצייט וועלן די מיליאנער אמנים וואס ווערן געזאגט אדאנק די פעולות במסגרת 'בני אמונים' זיין לזכרו ולעילוי נשמתו.**

# בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

**בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בַּחֲבְרוּתָא**

## שליסט זיך אין די מהפכה!

**טייערער איד! שליס זיך אויך אן אין די הונדערטע מזכי הרבים וועלכע קומען פרי אין שול אריין צו הערן די ברכת השחר פון די מתפללים און ענטפערן נאך זיי אמן.**

זיך אנצושליסן פול אויס אן אפליקאציע אויף דער 'נדרים פלוס' מאשין און מיר וועלן זיך פארבינדן זיך מיט אייך צו שיקן די מאטריאל.

צווישן די וואס פולן אויס אן אפליקאציע וועט פארקומען א גורל אי"ה - אויף צוויי וואושטערס פאר ספרים - יעדער וואוטשער אין ווערד פון 1000 שקל

